

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
רבי **אביגדור מיללער** זצ"ל

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' אמור
תשפ"ב לפ"ק
גליון רי"ט

**פראגע**

## וואס זאל א טאטע רעדן ביים די שבת-טיש צו זיינע קינדער?

**ענטפער:**

**טויזנט** זאכן!

לערן זיי די געוואלדיגע יסודות וואס שבת קומט אונז צו לערנען. פארוואס פראווען מיר שבת? **בריאת העולם יש מאין** – די וועלט איז באשאפן געווארן פון גארנישט, עס איז א געוואלדיגער לימוד; דו דארפסט עס אפשטעמפלען אין זייערע מוחות. **"כי הוא אמר ויהי!"** – דער אויבערשטער האט גערעדט און די וועלט איז אריינגעקומען אין עקזיסטענץ, "הוא צוה ויעמוד" – ער האט באפוילן און עס איז אויפגעשטאנען.

**"לעולם ה' דברך נצב בשמים"** – דיינע ווערטער שטייען אין די הימלען. וועלכע ווערטער? ער האט געזאגט: **"יהי!"** מען דארף אויסלערנען פאר די קינדער אז דער דבר ה' איז אין הימל, דאס האט געמאכט אז די הימלען זאלן עקזיסטירן.

שבת דארף מען רעדן וועגן די געוואלדיגע לימוד פון **"עולם חסד יבנה"** – די וועלט איז געבויט געווארן פאר חסד, אלעס איז די וועלט איז געמאכט געווארן פאר חסד – **"וחסיד בכל מעשיו"**. און בשעת איר דערקוויקט זיך מיט די שבת'דיגע עסן זאלט איר וויסן אז דער אויבערשטער האט געמאכט די עסן; ער האט געמאכט עס זאל האבן א גוטן טעם, ער וויל דו זאלסט הנאה האבן פון די וועלט, און אלעס וואס ער טוט איז וחסיד בכל מעשיו, דער אויבערשטער טוט חסד מיט אלע זיינע מעשים. מען דארף דאס לערנען פאר די קינדער.

מען דארף אויסלערנען פאר די קינדער ווי גוט רעגן איז, רעגן איז זייער וויכטיג. ווי גוט שניי איז, ווי גוט די ווינט איז, ווי גוט זון-שיין איז.

אויך דארף מען זיי אויסלערנען אז **"ביני ובין בני ישראל אות היא לעולם"**, אז שבת איז א צייכן צווישן השי"ת און אונז אויף אייביג. וואס איז די צייכן? אז ער האט באשאפן די וועלט פאר דאס פאלק וואס וועט אויסוועלן אים צו דינען, און ווייבאלד אונזערע אבות האבן וואלונטירט אים צו דינען איז יעצט געווארן באשטימט אויף למפרע אז פאר זיי איז די וועלט באשאפן געווארן. דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט פאר אזעלכע מענטשן וואס גייען אים דינען. און שבת איז דער גלארייכער טאג ווען מיר פייערן די העכערקייט פון כלל ישראל אז מיר זענען געווארן אויסגעקליבן אלס די עובדי ה'.

כלל ישראל איז געווארן אויסגעקליבן צו זיין די עדים אויף בריאת העולם. **"אתם עדי נאום ה'"** – איר זענט מיינע עדים, זאגט דער אויבערשטער. מיר שטעלן זיך אויף פרייטאג צונאכטס און מיר זאגן צוזאמען **"ויכולו"**, מיר זאגן עדות אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט.

עס זענען דא אזויפיל זאכן פון וואס צו רעדן, הונדערטער און טויזנטער ענינים.

מיר דארפן רעדן וועגן **"ארבעה אבות נזיקין"**. מען דארף זיין געווארנט נישט צו שעדיגן א צווייטנ'ס פארמעגן. עס זענען דא אזויפיל תולדות, אזויפיל זאכן וואס מען דארף לערנען; ווי שטארק פארזיכטיג מ'דארף זיין מיט א צווייטנ'ס פארמעגן. קינדער מוזן עס וויסן ווי **וויכטיג** עס איז. וועגן דעם לערנען מיר בבא קמא מיט קליינע קינדער. מיר לערנען מיט קינדער די אויסטערלישע וויכטיגקייט פון זיין מורא'דיג פארזיכטיג נישט צו שעדיגן א צווייטן. אויב מען לערנט עס נישט מיט זיי יעצט וועלן זיי עס קיינמאל נישט פארשטיין שפעטער אין לעבן.

יעדע וואך קען מען רעדן וועגן א צווייטע נושא. און

בשעת איר רעדט זאלט איר וויסן אז איר אליינס זענט דער וויכטיגסטער צוהערער, און איר פארדינט דאס מערסטע פון רעדן צו אייערע קינדער. דורכ'ן רעדן יעדע וואך פון די וויכטיגע נושאים אנטוויקלט זיך די מח דורכאויס די יארן, איר ווערט מער רייף, און אייער פערזענליכקייט ווערט מער שלימות'דיג. ווען מען נוצט אויס די שבתים צו רעדן צו די קינדער די יסודות און השקפות פון די תורה, פארדינט איר אליינס די מערסטע דערפון.

## פראגע

## וויאזוי קענען מיר געדענקען די פילע חסדים פון הקב"ה, אז מיר זאלן נישט דארפן דערמאנט ווערן דורך אנדערע וועגן?

## ענטפער:

**איר** זאלט מאכן א קאריערע פון ציילן די חסדים; עס זאל זיין אייער קאריערע!

רוב מענטשן טוען עס נישט ליידער. מענטשן שטייען אויף אינדערפרי – איך רעד וועגן ערליכע אידן – און זיי האקן אפ א ליסטע פון ברכות, זיי טראכטן ניטאמאל וואס זיי זאגן. דער אמת איז אז די ליסטע איז צו קליין. עס איז דא א ריזיגע ליסטע וואס מען וואלט ווען געדארפט זאגן, ווייל מיר האבן אזויפיל גוטע זאכן. אויב איר וועט זיך ארומקוקן וועט איר טרעפן מענטשן וואס האבן ליידער נישט די זאכן וואס מיר האבן.

אין אלגעמיין זענען דא ברכות וואס יעדער איינער האט, נאטורליכע זאכן וואס יעדער מענטש פארמאגט. עס זענען דא געוויסע זאכן וואס נאר אמעריקאנער האבן, געוויסע זאכן האבן נאר די מיטל-קלאס וואס ארימע מענטשן האבן נישט. מיר האבן אזויפיל גוטע זאכן!

אין צוגאב, אויב זענט איר אן ערליכער איד, האט איר שוין אזויפיל מער זאכן אויף וואס צו דאנקען דעם אויבערשטן.

איר מוזט אוועקגעבן צייט עס צו טון. קומענדיגער מאל איר זענט אין די קאנטרי און א מאסקיטא כאפט זיך אריין אין צימער און גיבט אייך א ביס, און יעצט זענט איר אויף בייטאכט פאר א ביסל און איר זענט פארנומען זיך צו קראצן, פארפאטשקעט נישט די צייט; עס איז א ווערדפולע צייט. אדער אפילו איר זענט אין שטאט און איר קענט נישט שלאפן ביינאכט, צומאל ליגט מען אין בעט א שעה און מען שלאפט נישט, עס איז א שאד צו פארפאטשקען די צייט, הייב אן צו ציילן דיינע טובות.

דער חפץ חיים פלעגט עס טון ביינאכט. מענטשן פלעגן עס ארויסהערן. דער חפץ חיים פלעגט אויסרעכענען אלע ספרים וואס ער האט מחבר געווען און געדאנקט דעם אויבערשטן פאר יעדע איינע.

במילא אויב זענט איר גליקליך צו האבן אסאך קינדער, רעכן אויס איינס ביי איינס און דאנק דעם אויבערשטן. דער קינד איז נארמאל, דער קינד איז נארמאל, א.א.וו. דאן אויב האט איר אייניקלעך, רעכנט אויס יעדן איינעם און דאנק דעם אויבערשטן פאר זיי.

אויב איר האט אסאך גוטע קאסטומערס, רעכנט זיי אויס בשעת איר ליגט אין בעט. אויב איר האט געזונטע אויגן; אויב איר האט אסאך נאטורליכע ציין; אדער אפילו איר האט א גוטע סעט פאלשע ציין; אויב איר קענט הערן – אסאך מענטשן קענען נישט הערן. אויב איר האט נישט קיין מייגרעינס; אויב אייער מאגן איז געזונט – אסאך מענטשן קענען נישט עסן אסאך גוטע זאכן, ווייל זייער מאגן רעאגירט; אויב איר האט נישט קיין אלערגיעס – אזויפיל מענטשן פלאגן זיך מיט אלערגיעס. און אודאי אויב איר האט א גוטע פאר פון לונגען, וואס כמעט יעדער האט, און אויב איר האט א שטארקע הארץ, עס איז נישט דא קיין ענדע צו די גוטע זאכן! דאן דארפט איר כסדר רעדן און דאנקען דעם אויבערשטן מיט א פולן מויל.

ווען איר גייט אויפ'ן גאס און קיינער איז נישט ארום אייך, קיינער קען נישט זען אז איר מורמלט צו זיך, אדער אויב איר ווילט קענט איר באדעקן אייער מויל מיט די הענט און רעדן. זאג ברוך אתה ה' פאר דאס, און פאר דעם; עס איז נישט דא קיין סוף. אויב ווילט איר עס נישט טון, קען ח"ו דער אויבערשטער זוכן אנדערע וועגן אייך צו דערמאנען אז ער איז דא.

דערפאר איז עס א וואונדערבארע פראגראם, עס איז א לעבנ'ס פראגראם און עס וועט דיר צוריקצאלן מיט שמחה אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל










$1
א וואך
$3 מועדים

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתעגג: 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב